# פרשת תזריע

## בס"ד. התוועדות י"ט כסלו ה'תשמ"ז

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

א אידיש קינד גלייך ווי ער ווערט געבוירן, און נאך פאר דערויף, גרייט מען אן די "שיר המעלות'ן", און מ'קלעפט דאס אן, אדער מ'הענגט דאס אויף, ארום דער בעטל, אדער אין ער טיר וכיו"ב.

עאכו"כ בא די מהדרים אין מען זיך דעמיט נאך ניט מסתפק און מוסיף כו"כ ענינים כאלו, ביז וואנענט אז רובם זיינען גאר געווארן א "מנהג ישראל תורה הוא" בכל בתי ישראל.

וואס כאן איז אויך המקום להעיר אויף א ווילדע זאך און בירור וואס איז צוגעקומען דוקא בדורות האחרונות –

אמאל זיינען די אלע ענינים געווען בפשטות: אז א אידיש קינד ווערט געבארן – איז אט דעמולט איז דא די "שיר המעלות" וואס מ'קלעפט-אן מיט די אלע איבעריקע זהירות'ן, און וואס מ'רינגלט אים ארום מיט ענינים של קדושה וכיו"ב;

מפני כמה סיבות איז דאך געווארן דער סדר, אז מצד בריאות הגוף ווערן רובם ככולם קינדער, אויך אידישע קינדער, געבוירן דוקא אין בתי רופאים, במילא איז מען זיך משתמט באופנים שונים ומשונים, און מ'זאגט אז דאס איז גאר פארבונדן מיט "כבוד התורה" און כבוד ה"שיר המעלות" וכו' – און עס פעלן אט די אלע ענינים,

וואס, כאמור, בהשתדלות הכי קלה, מ'זאל נאר מעורר זיין אויף דערויף – איז קיין ספק ניט אז מ'וועט באקומען א רשיון בפה מלא ובשמחה און אן קיינע שוועריקייטן – אז מ'זאל קענען האבן די "שיר-המעלות'ן" (אדער די קמיעות אדער די מזוזות, ווי מ'פירט זיך, בכל מקום ומקום לפי ענינו) – אפילו אין בית הרופאים, אט דארט וואו דער קינד ווערט געבוירן, עאכו"כ – אט דארט די שעות אדער די טעג וואס ער געפינט זיך דארטן לאחרי זה.

ומצוה לעורר על זה – לאו דוקא בעיר זו, וואס דא איז קע"ה ניט "יד ישראל תקיפה" און מ'קען אויספירן כמה ענינים בקלות – נאר בכל מקום ומקום וואו ס'איז נאר דא א אידישע משפחה, און מ'קלייבט זיך געבענטשט ווערן מיט א קינד, איז בעוד מועד קען מען לייכט אויסווירקן מ'זאל קענען האבן אט די אלע זהירות'ן בבית הרופאים – נאך קודם ס'קומט אהינצו די יולדת מיטן ילד,

ובמכ"ש וק"ו אז מ'וועט מסביר זיין זיך, ביז וואנענט ביי אים ווערט דאס שטיין באמונה פשוטה, אז דאס איז ניט סתם א מנהג, וואס סתם א מנהג איז אויך "מנהג ישראל תורה היא", נאר דאס איז א מנהג וואס דאס איז פארבונדן כדי די לידה זאל זיין אין אן אופן טוב, און כדי דער קינד זאל געבוירן ווערן אין אן אופן טוב, און דערנאך זאל גיין די גאנצע צייט וואס ער געפינט זיך אט דארט וואו ער געפינט זיך די ערשטע טעג, זאל דאס גיין אין אן אופן טוב, אין טוב הנראה והנגלה, און דערנאך זאל דאס זיין א הכנה טובה לגדלו – אדער לגדלה – לתורה ולחופה ולמעשים טובים – איז דאס ענינים וואס זיי זיינען עיקריים אז דאס זאל דורכגיין בשלימות יותר ובקלות יותר מיט אלע ענינים ופרטים שבדבר –



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תזריע

איז קיין ספק ניט אז מ׳וועט דאס אויספירן אפילו און אן ארט וואס דאס איז די איין און איינציקע אידישע פרוי, אויב נאר זי וועט דאס וויסן וואס דאס איז, אדער מ׳וועט איר מסביר זיין וואס דאס איז, איז "דברים היוצאים מן הלב" איז א זיכערע זאך אז מ׳וועט דאס אוספירן, אפילו ווען זי וועט זיין די איינציקע אידישער מענטש וואס געפינט זיך בכל בית-רופאים זה,

עאכו"כ וואס בפשטות איז בכל בית-רופאים ברובם-ככולם של המדינות קען מען אלעמאל געפינען נאך אידן וואס זאלן איר מסייע זיין אין דורכפירן אט דעם ענין, און דורכפירן בשמחה ובטוב לבב,

און אז מ׳וועט פרעגן אפילו ביי א רופא וואס ער איז ניט קיין איד, צי מ׳זאל דאס טאן, און מ׳וועט אים דערציילן וועגן וואס עס רעדט זיך – וועט ער זאגן, אז ע"פ חכמת הרפואה איז א ציווי פון חכמת הרפואה:

בכלל אז עס רעדט זיך וועגן א מענטשן וואס דארף האבן אן עזר וסיוע ורפואה עאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן אן אשה יולדת, וואס ס׳איז נוגע בעיקר אז זי זאל האבן מנוחת הנפש, און זאל ניט האבן קיינע ספיקות ודאגות וכו׳ –

איז דאס נוגע איר, און נוגע דעם ולד, און במילא נוגע אויך דעם בעל און די גאנצע משפחה, און אויך נוגע צום מנוחת הנפש פון דעם רופא! ווארום אויב עס גייט עפעס ח"ו שלא כרגיל, איז אויב ער איז אן אמת׳ער רופא – אין ווערט ער אויך צוטומלט, און ווערט אויך צוטראגן.

- איז קיין נפק"מ ניט צו וועלכן עַם ער געהערט, אדער צו וועלכער אמונה ער געהערט, אדער ער גייט און שרייט אז ער איז יא א מאמין, ניט א מאמין, מיט די אלע טענות שונות ומשונות, אבער בלבו פנימה ווייס ער, אז בשעת אט דאס וועט זיין וועט ער זיך פילן רואיקער, וועט ער קענען אנגיין מיט זיין טיפול הרפואי ביתר שאת וביתר עוז וכדבעי, אן בלבולים.

וואס דאס איז, כמדובר, צוקומען דוקא אין דורות האחרונים, פונקט אזוי ס׳איז געווען בפשטות אין דורות שלפנ"ז אז קינדער האט מען געהאט דוקא בא זיך אין דער היים, וואס דערביי איז געווען די מוטער אדער די באבע אדער דאר מאן וכיו"ב –

איז איצטער געווארן פונקט דער היפך, אז דוקא אין בית הרופאים, ומכמה טעמים וסיבות וואס יש להם מקום אין חכמת הרפואה, במילא איז דאך אויף דערויף חל דער ענין פון "ורפא ירפא", "מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות" – ער זאל אויך געבן אנווייזונגען אין די אלע ענינים –

דאס איז אבער לגמרי רירט דאס ניט אן אין די זהירות האמורות.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.